# פאָלקס־געזונט

אילוסטרירטער פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכער זשורנאַל פאַר היגיענע און מעדיצין

געגרינדעט פון **ד"ר צמח שאַבאַד**
צענטראַל-אָרגאַן פון דער געזעלשאַפט
צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון דער
יידישער באַפעלקערונג "**אָזע**"

אפּריל 1940



**שטענדיקע מיטאַרבעטער**

ד"ר אל. אָלשוואַנגער ○ ד"ר וו. אָסטראָווסקי ד"ר א. איפ ○ ד"ר ב. בליודז ○ ד"ר י. ברוצקוס ○ ד"ר י. ביבער ○ ד"ר ג. גערשון ד"ר א. גאָלדמאַן ○ ד"ר ג. געלמאַן ○ ד"ר א. הערשהאָרן ○ ד"ר ל. וואָלמאַן ○ ד"ר א. ווײַנשעלבוים ○ ד"ר א. יאַקיר ○ ד"ר ד. יעדוואַבניק ○ ש. לאַקערמאַן ○ ה. מאַץ ד"ר ב. סאָלאָווייטשיק ○ ד"ר מ. סודאַרסקי ד"ר א. עליאַסבערג ○ ד"ר י. פייגענבערג ד"ר ל. פינקעלשטיין ○ ד"ר א. קאַפּלאַן ד"ר ה. קאָוואַרסקי ○ ד"ר י. רובין פּראָפ׳ שניאורסאָן ○

№ 4

פּרייז 30 צענט

די בלעטער פון דער אַזוי גערופענער „אַלפּישער פיאָלקע" זײַנען לאַנגעקיקע, עטוואָס פליישיקע, האַרץ-אָדער נירן-פאָרמיקע; די אייבערשטע אייבערפלאַך פון די בלעטער איז טונקל-גרין, מיט אַ „זילבערנעם" פלעקיקן רעמל, די אונטערשטע איז קאַרמין-רויט. אין ווילדן צושטאַנד וואַקסט דער ציקלאַמען אין די אַלפּן, נידער-עסטרײַך, קראָאַטיע, באָסניע און הערצעגאָווינע.

שעדלעך בײַם ציקלאַמען זײַנען בלויז די בולוועס, וואָס אַנטהאַלטן אַ גיפטיקע סובסטאַנץ — ציקלאַמין. אין סיציליע ווערן די אונטערערדישע טיילן פון ציקלאַמען באַנוצט צו באַטויבן פיש. פון די בולוועס, דערהויפּט אין פרישן צושטאַנד, ברעכט מען און מ'קריגט אַן אָנצינדונג פון מאָגן; די טיילן פון ציקלאַמען, וואָס וואַקסן איבער דער ערד, זײַנען ניט שעדלעך.

דער דריטער געוויקס, וואָס ווערט בײַ אונדז אָפט קולטי-ווירט, איז אַ ספּעציעלער סאָרט פּרימולקע (Primula obconica) מיט ציינער-אַרטיקע אָדער קלאַפּע-ציינערדיקע בלעטער און מיט פּורפּורנע אָדער מיט רויטע בלומען.

דער דאָזיקער געוויקס, וואָס שטאַמט פון טיבעט, איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע ערשט אין יאָר 1880, ווו מ'הייבט אים אָן קולטיווירן אַ דאַנק זײַנע שיינע בלומען-טרויבן, וואָס דערגייען ביז 10 צמ די לענג — אין אַלע מינים שאַטירונגען פון רויט, פּיאָלעט און בלאַנקעט. ליידער ווערן פון די הערעלעך, מיט וועלכע דער געוויקס איז באַדעקט, אויסגע-טיילט סובסטאַנצן, וואָס ווירקן רייצנדיק אויף דער הויט פון אייניקע מענטשן, אַרויסרופנדיק געוויסע הויט-אויסשיטן און אַן אָנצינדונג פון די אויגן. מ'דאַרף זיך דעריבער פאָרזיכטיק באַגיין מיט דער פּרימולקע, און פאַרן קומען מיט איר אין באַרירונג אָנטאָן הענטשקעס אָדער באַנוצן ווי פאָרזיכט-מיטלען מאַשין-אייל אָדער וואַשן די הענט מיט אַלקאָהאָל אָדער עטער.

איך וואָלט ניט געוואָלט, אַז מײַן הײַנטיקער אַרטיקל זאָל גורם זײַן צו באַזײַטיקן פון אונדזערע וווינונגען די שיינע דעקאָראַטיווע געוויקסן. פאַרקערט זאָלן די אָלעאַנדערס, ציקלאַמענס און פּרימולקעס פאַרבלײַבן אויך אויף ווײַטער צווישן אונדזערע שטוביקע געוויקסן. איך האָב נאָר געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן, אַז מ'דאַרף זיך מיט זיי באַגיין פאָרזיכטיק. זאָלן די בלעטער און בלומען פון אָלעאַנדער ניט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון אַ קינד, וואָס האָט ליב אַלץ צו נעמען אין מויל; זאָלן די אַרויסגעוואָרפענע בולוועס פון ציקלאַמען צופעליק ניט דערגיין צום אָרעמאַן אויפן טיש, און בײַם וואַשן פּרימולקעס און איבערהויפּט אַלע וואַזאַן-געוויקסן שאַדט ניט אָפּצוהיטן די נייטיקע היגיענישע און פּראָפילאַקטישע מיטלען, צי דאָס איז אין פאָרם פון הענטשקעס אָדער פון דעזינפעקציע-פליסיקייטן.


האַנדלס-געזעלשאַפט

Pilnoji B-vė

„Lietanglis"

קאָונאַס, דאָוקאַנטאָ 13. טעל' 21377.

טעלעגר.-אַדרעס: „Lietanglis"

אַנטראַציט, קוילן, בריקעטן, קוילן פאַר שמידן, קאָקס, רויאײַזן אאַז"וו.


**ק. הערמאַן**

# פּליטים

(2טער רעפּאָרטאַזש).

## 1. אולי ירחם!

— די ווילנער פּליטים האָבן שוין געפּאָקט און געמאָזלט — זאָגט צו מיר אַ פּליט — פון דעסטוועגן קענען זיי זיך נאָך אַלץ ניט שטעלן אויף די פיס, אַ קלייניקייט, מיטצומאַכן די קינדער-קרענק פון אַ פּליט!...

— ערשט ווען מיר וועלן זיך שוין אַ שטעל טאָן צוריק אויף די פיס — זאָגט ער ווײַטער — וועלן קומען די אמת'ע, די „נאַסטאָיאַשטשע" (ער מאַכט נאָך געוויסע ווילנער ייִדן) פּליטים-צרות.

זייער אַ סך אמת איז אין דעם פאַרהאַן:

יעדער פּליט האָט זיך שוין דאָ, ווי עס איז, אײַנגעאָרדנט, געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ, באַקומען אַ שטיקל מלבוש, אַ מיטאָג אין אַ קיך, בײַגעקומען די רעגיסטראַציע נומער איינס, שוין מיטגעמאַכט די רעגיסטראַציע נומער צוויי און... עס איז נאָך אַלץ ניט פאַרבײַ די קינדער-קרענק פון פּליט — אויף די פיס שטייט ער נאָך אַלץ ניט...

דער ווינטער איז געווען אַ אויסערגעוויינלעך שווערער — ווי אויף צו להכעיס די האַלב-נאַקעטע פּליטים. ניט געקוקט אויף די פרעסט, זײַנען דאָך די גאַסן געווען פול מיט פּליטים. עפּעס האָט זיי געטריבן, עפּעס האָבן זיי זיך געאײַלט, עפּעס האָט זיי געיאָגט:

וואָס אייגנטלעך?

גאָר פּשוט:

— ווי קען מען דען אײַנזיצן?

דער טעלעגראַף-אָפּטייל אויף דער פּאָסט איז שטענדיק פול, איבערפולט, איינער איז מקנא דעם צווייטן, צוליב וואָס? — ער ווייס אַליין ניט. דערווײַל איז ער אים מקנא:

— אַהאַ, ער טעלעגראַפירט קיין אַמעריקע!

— אָט זעסט, יענער האָט באַקומען אַ טעלעגראַמע פון פּאַלעסטינע.

יעדער איינער וואָלט דאָ געוואָלט טאָן דאָס, וואָס עס טוט דער צווייטער. יעדן איינעם דאַכט זיך, אַז ער איז אָפּגע-נאַרט, אַז יענער ווייס בעסער...

מען לעבט דאָ דערפון, וואָס יעדער בויט זיך אויס אַ האָפענונג:

— אַ פעטער אין אַמעריקע...

— אַ ברודער אין אַרגענטינע...

— סערטיפיקאַט..

— אַן אַפידייוויט...

און יענער לויפט אַרום איבער דער שטאָט. יעדער האָט אַ סוד און יעדער טראָגט זיך מיט אים, אונטערשטעלנדיק דערווײַל אַן אויער צו דעם, צו יענעם, צו אַלע, בײַ וועמען עס באַווײַזט זיך אויפן פּנים אַ שמייכל...

— אַהאַ ער שמייכלט!

אולי ירחם! ווי קען מען לעבן אָן האָפענונג?

און מען לעבט מיט דעם דאָזיקן מנחם-מענדעלשן ווונטש, אַז פון ערגעץ-ווו וועט שוין קומען דאָס גרויסע געווינס, דער סערטיפיקאַט, דער אַפידייוויט.

אַ רחמנות, נעבעך...

אולי ירחם!...

### 2. מע „סקאַלביקלעוועט"

מיט וואָס פילן פליטים אויס זייער טאָג?

ייִדן גיבן עצות טשעמבערלענען און האָבן צו אים טענות:

— הלמאַי שיסט ער ניט?...

— ווי לאַנג איז דער שיעור צו שווייַגן?...

דערווייַלע אָבער דערמאָנט מען זיך, אַז מען איז ניט מער, ווי אַ זינדיקער פליט און... מען שלעפּט צונויף די צוויי שמוציקע העמדער, מען לויפט מיט זיי אין „קאָמיטעט", אין „טאָז". ס'איז דאָ — באַקומען אַ קוויט אויף אויסצווואַשן 8 שטיקלעך וועש.

אַדוואָקאַט איקס קען ניט פאַרטראָגן די עוולה, וואָס די וועלט איז לגבי אים באַגאַנגען: 6 חדשים ווי ער איז שוין אויס אַדוואָקאַט. ער שלעפּט זיך אַרום איבער די גאַסן פון ווילנע, שטייט אין אַ ריי, כּדי צו האָבן די זכיה, אַז זייַנע 8 שטיקלעך וועש זאָלן צוגענומען ווערן אין דער וועשערייַ פון „טאָז".

חברה, וואָס שטייט דאָ אין דער ריי, מאַכט זיך פריילעך:

— בערל, ווו האָסטו די פּיזשאַמע?

אַ דאַמע, וואָס איז „נעבעך" געפאַלן און מוז אויך אָנקומען צום „טאָז", קען עס ניט פאַרטראָגן:

— אַ קלייניקייט, פאַרהאַן זיך איבער וואָס צו וויצלען...

יעדער האָט זיך זייַנע פאַראינטערעסירונגען. אינזשעניער ז... איז אַ כעמיקער און אים האָט גאָר פאַראינטערעסירט די „סקאַלביקלע" (וועשערייַ).

— אַ קלייניקייט, אַ וועשערייַ, וואָס גיט אַרויס איבער 50.000 שטיקלעך וועש אַ חודש!

דער פאַרוואַלטער פון דער וועשערייַ איז ליבנסווערדיק און קלערט אויף:

די וועשערייַ אַרבעט אין דרייַ שיכטן. פאַרהאַן דאָ 58 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, ייִדן און קריסטן. דאָ זייַנען באַשעפטיקט די בעסטע פאַכמענער פון שטאָט.

— מיר באַדינען אַלע ייִדישע פליטים, אין דורכשניט בייַ 7.000 אינטערעסאַנטן אַ חודש, דאָס רוב פליטים פון אינטער־נאַטן, באַשפּייַזונג־פּונקטן און קיבוצים. הייַנט־צו־טאָג איז דאָס איינע פון די גרעסטע ייִדישע אונטערנעמונגען אין ווילניוס בכלל.

מיר שפּאַצירן מיטן אינזשעניער איבער דער אייגנאַר־טיקער פליטים־וועשערייַ בייַם „טאָז":

22 מענטשן האָב איך אָנגעציילט בייַ די באַליעס. די וועשנס שאָקלען זיך אין שווערע אָנשטרענגונגען—פליטים־וועש.

אָט קלערן זיי אונדז אויף:

— ווען איר זאָלט באַקוקן די וועש?

— שמוציק איז ניט קיין וואָרט אויף צו באַצייכענען עס...

— ווען איר זאָלט זען דעם צושטאַנד פון די וועש, ווי קען מען אַזוינס וואַשן?

און אַ וועשן שלעפּט אַרויס פון איר באַליע אַ שטיקל וועש, וועגן וועלכן ס'איז שווער צו זאָגן, צי דאָס איז אַ העמד, צי איז דאָס...

דער פאַרוואַלטער טייַטשט אויס:

— אייגנטלעך האָט מען פּראָיעקטירט אייַנצושטעלן בייַ דער וועשערייַ אַ פּונקט וואָס זאָל לאַטען. עס ווייַזט זיך אָבער אַרויס, אַז מען דאַרף דאָ פאַרריכטן 90 פּראָצענט פון די וועש. ווער איז דאָס בכּוח? — דאָס וואָלט דאָך אונדז אייַנגעשלונגען אַ ריזיקן בודזשעט. פון וואַנען זאָלן מיר נעמען געלט דערויף?

— מיר פאַרניצן דאָ—זאָגט דער פאַרוואַלטער—אַ האַלבן טאָן זייף אַ חודש. 12 פּרעסערס אַרבעטן צו 24 שעה אין מעת־לעת.

כּדי צו קענען אַלעמען באַדינען צו דער צייַט, זייַנען מיר געווען געצוווּנגען אייַנצושטעלן אַ מעכאַניזם, וואָס זאָל אויף אַ שנעלן אופן טריקענען די וועש. מיר האָבן שוין דערגרייכט דעם מאַקסימום — 3 שעה דויערט דאָס אויסטריקענען אַ טראַנספּאָרט וועש.

פאַרהאַן דאָ אויך ספּעציעלע מאַשינעס אויף אויסצודרייען די וועש: זיי פאַרשפּאָרן אונדז 75 פּראָצ' אַרבעט. דער „אָזע־טאָז"—גרויסט זיך דער פאַרוואַלטער—קלערט איצט צו מעכאַניזירן די גאַנצע וועשערייַ, קויפט אייַן מאַשינעס און בייַט דעם לאָקאַל—דאָס וועט נאָך מער ראַציאָנאַליזירן און פאַרשנעלערן אונדזער אַרבעט.

מיר קוקן זיך צו צו די וועש: ריין, געוואַשן אָן כלאָר און... די וויצן אין דער ריי גייען אָן אויפהער.

די פריילן, וואָס נעמט אָן וועש צום וואַשן, קלערט אויף, אַז אַזוינע צעריסענע וועש איז שווער צו וואַשן. צוויי ייִנגערע פליטים העלפן איר אונטער:

— אַדרבא, גיט מיר טאַקע אַ קוויטל אין פליטים־קאָמיטעט, אפשר וועט מען דאָרט קריגן אַ העמד?

אַ צווייטער כאַפּט אונטער:

— חבר, שרייַבט אַ „פּראָשעניע" און לייגט בייַ דאָס העמד און אַז איר וועט אונטערוואַרטן אַ חודש, דאַן...

— דאַן וועט איר באַקומען אַן אָפּזאָג — האַלט אונטער דער ערשטער...

דער פליטים־עולם איז, ווי מיר זעען, פריילעך און וויצלט זיך אויפן חשבון פון דער פליטים־נויט.


טוך פאַבריק

אקצ. געז. „NEMUNAS"

פּראָדוצירט

וואָלענע, האַלב - וואָלענע און באַוולנע שטאָפן.

צו פּראָדוצירן ווערט באַנוצט די בעסערע רוי־שטאָף, העכסטע קוואַליטעט פון די אויסאַרבעטונגען.

פאָדערט אין אַלע מאַנופאַקטור־געשעפטן די מאַטעריאַלן פון „NEMUNAS"

אנגראָ־לאַגער:

קאַונאַס, דאַוקשאָס גאַס נר. 9a, טעלעפאָן 23959



אַקצ' געז'

„AUDIMAS"

Šančiai, Juozapavičiaus pr. 78

פאַבריק לאַגער:

קאָונאַס, דאַוקשאָס ג. 26 — טעל' 24439

## 3. סאַניטאַר=מעדיצינישע אויפזיכט.

די דאָקטוירים און היגיעניסטינס, וואָס האָבן די אויפזיכט איבער די פּליטים, זײַנען צופרידן מיט די רעזולטאַטן פון זייער אַרבעט. זיי דערמאָנען מיר דעם טרויעריקן צושטאַנד, וועגן וועלכן מיר האָבן געשריבן אין אונדזער ערשטן רעפּאָרטאַזש.

— הײַנט איז עס שוין היפּש בעסער געוואָרן — דערציילט מען מיר מיט אַ שמייכל אויפן פּנים.

— הײַנט=צו=טאָג באַדינען מיר דאָ בײַ 9.000 פּליטים. דאָס רוב פון זיי איז אײַנגעאָרדנט אין אינטערנאַטן, טייל נוצן אויס די פאַרשיידענע באַשפּייזונג=פּונקטן. אין סך=הכל באַדינען מיר ביז איצט 91 פּונקטן.

דער סאַניטאַר=היגיענישער צושטאַנד איז באַדײַטנדיק בעסער געוואָרן. עס איז פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל בעטן, בעט=וועש, מעבל, עס פאַרבעסערט זיך דער צושטאַנד פון די שפּײַז=לאַגערן. אין טייל אינטערנאַטן איז שוין אפילו פאַראַן לייען=זאַלן פון דער יידישער און ניט=יידישער פּרעסע.

אָט דערוויס איך זיך פון די באַריכטן:

19 סאַניטאַרע דאָקטוירים און 3 סאָציאַלע היגיעניסטינס פירן די אַרבעט אין די דערמאָנטע 91 פּונקטן. בלויז אין חודש פעברואַר האָבן די דאָקטוירים און היגיעניסטינס באַזוכט די אַנשטאַלטן 448 מאָל.

פון דעסט וועגן, קלאָגן זיי זיך, שלאָפט מען נאָך אין פיל אינטערנאַטן צו צוויי פּערזאָן אין אַ בעט.

פון דעסט וועגן, טיילן מיט די היגיעניסטינס אין זייערע באַריכטן, אַז אין אַ סך אינטערנאַטן איז קאַלט.

איינע פון זיי גיט איבער:

אין אַלע פּונקטן פון „השומר=הצעיר" זײַנען דאָ טעגלעך 60—80 קראַנקייט=פאַלן. מען דאַרף די קראַנקע אַנטשפּרעכיק דערנערן...

— אָבער — זאָגט מיר איינער פון די מעדיצינער — פון פעברואַר ביז הײַנט האָבן מיר שוין זייער פיל אויפגעטאָן.

— אָט, גיט צו אַ סאַניטאַרין, בלויז אין חודש פעברואַר האָבן מיר נעהאַט 16.436 באַזוכער אין באָד מיטן דעזינסעקטאָר.

— זייף אויף צו וואַשן זיך איז פאַרן חודש פאַרטיילט געוואָרן 700 קילאָ!

אין די שוואַכערע סאַניטאַר=פּונקטן האָבן די סאַניטאַרע בריגאַדעס געאַרבעט 17 מאָל.

אין פעברואַר האָבן די דאָקטוירים באַזוכט 812 ליגנדיקע קראַנקע און עס זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן 356 קראַנקע אין אינטערנאַטן. שפּיטאָל=הילף איז דורך דער מעדיצינישער אויפזיכט פון „טאָז" אַרויסגעגעבן געוואָרן 145 פּערזאָן מיט אַ סך=הכל פון 2.659 שפּיטאָל=טעג.

אָט קלערט מען מיר אויף:

לויטן באַריכט פון חודש פעברואַר האָט די אַמבולאַטאָריע פון „טאָז" אַרויסגעגעבן הילף פאַר 5.648 פּליטים. דערצו זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן 4.534 רעצעפּטן. די פּליטים=אינטערנאַטן איז פאַרטיילט געוואָרן 103 אָרטיקע אַפּטייקלעך.

די באַריכטן זײַנען פול מיט ציפערן, די באַריכטס=אָפּגעבער שטראַלן מיט צופרידנקייט פון זייערע רעזולטאַטן, אָבער...

אָבער ווי לאַנג איז דען דער שיעור צו וואַרפן זיך מיט ציפערן?...

פון דעסט וועגן, פון דעסט וועגן זײַנען די פּליטים נאָך אַלץ צעשטרייט און צעטראָגן. עפּעס טרײַבט זיי, עפּעס יאָגט זיי, עפּעס...

— ווי קען מען דען אײַנזיצן?

— אַ פעטער אין אַמעריקע...

— אַ ברודער אין אַרגענטינע...

— אַ סערטיפיקאַט.

— אַ וויזע.

— — — — — — — — — — —

אַ רחמנות נעבעך!...

**ד״ר א. מ י ר**

# היגיענע פון ציינער און פון מויל=חלל

נאָך יעדן עסן ווערן אָפּגעלייגט אויף די ציינער און באַזונדערס אויף די יאַסלעס און צווישן די ציינער טיילכלעך פון שפּײַז. אין די דאָזיקע אָפּגעלייגטע טיילן פון שפּײַז געפינט זיך שטענדיק אַ גרויסע צאָל מיקראָבן, וואָס אַנטוויקלען זיך שנעל אַ דאַנק דער גלײַכמעסיקער טעמפּעראַטור און שטענדיקער פײַכטקייט פון מויל=חלל. די צאָל מיקראָבן איז אָפּהענגיק פון דער היגיענע פון מויל-חלל. אין איין מיליגראַם פון ציין=אָפּזאַץ פון אַ היגיעניש=געפלעגטן מויל=חלל דערגייט די צאָל מיקראָבן פון 5 ביז 8 מיליאָן, אין דער צייט ווען אין אַן אָפּגעלאָזענעם מויל=חלל געפינט מען זיי איבער 800 מיליאָן. די מיקראָבן רופן אַרויס אַ ברויזונג און צעפאַלונג פון די שפּײַז=רעשטלעך; אייניקע פון זיי זײַנען מסוגל אויך אויסצוטיילן גיפטן (טאָקסין), וואָס קען אַרויסרופן פאַרשיידענע קראַנקייטן. די אַנטשטאַנענע יוירונג=פּראָדוקטן פירן ניט זעלטן איבער דעם עמאַל, מיט וועלכן עס זײַנען פאַרדעקט די ציינער. דאָס דערפירט צו דער צעשטערונג פון די האַרטע טיילן פון צאָן און עס שאַפט זיך אַן עפּענונג (א״ג קאַריעס).

די האַרטע אָפּגעלייגטע טיילן אויף די ציינער זײַנען באַקאַנט אונטערן נאָמען פון „צאָן=שטיין". דער צאָן=שטיין קען באַדעקן דעם צאָן פון אַלע קאַנטן און פונאַנדערוואַקסנדיק זיך פאַרמאַכן אַפילו אַלע דורכגענג צווישן די ציינער, שאַפנדיק אַ פולשטענדיקן „שטיינערנעם צודעק" פון אייניקע גראַם וואָג. דער „צאָן=שטיין" שטערט ביים צעקייען די שפּייז, רופט אַרויס אַ אָנצינדונג פון די יאַסלעס, וואָס ס'ווירקט מיט דער אַרײַנדרינגונג פון די מיקראָבן אין אָרגאַניזם.

פאַרהיטן פון „צאָן=שטיין" און פון איבערפירן די ציינער קען מען נאָר אין דעם פאַל, ווען מ'האַלט אין אָרדענונג די ציין און דעם גאַנצן מויל=חלל. מ'דאַרף שווענקען דעם מויל יעדן מאָל נאָכן עסן און טאָג=טעגלעך רייניקן די ציינער פון



■ Kaina 30 centų.
**1940 m. balandžio mėn.**

# FOLKSGEZUNT
# „LIAUDIES SVEIKATA"
# „Santé de Peuple"

Populiariai-mokslinis iliustruotas mėnesinis žurnalas skirtas higienos ir medicinos reikalams

Printed in Lithuania

TURINYS:

1) Dr. L. LEIZERAVIČIUS — Pavasaris ateina... 2) Dr. I. TIOMKINAS — Angina; 3) Dr. G. GELMANAS—Prof. Bezredkis ir jo moksliniai darbai; 4) Dr. H. FEJGUSAS—Maca žiūrint iš dietos išeinamo punkto; 5) Dr. B. DUBINSKIS—Moteries higiena. 6) Dr. A. RIMAVIČIUS—Skiepyjimai ir įsikalbėjimai; 7) Dr. I. MOVŠAVIČIUS — Apie kai kurių naminių vazonų-augalų nuodingas ypatybes; 8) K. HERMANAS — Atbėgėliai (Reportažas); 9) Dr. A. MICHAS — Dantų ir burnos tuštumos higiena; 10) Ką nuveikia „Ozė" atbėgėlių naudai; 11) Didelis „Toso" darbas Varšuvoje; 12) „Motinos ir vaiko S. S. R. S" paroda Kaune.

Redakcijos ir administracijos adresas:
Vilnius, Ožeškienės g-vė № 7, p. d. № 69.

№ 4

**אינהאלט:**

1) דער פרילינג קומט... . . . . . . . . . ד"ר ל. לייזעראָוויטש
2) אַנגינע . . . . . . . . . . . . ד"ר י. טיאָמקין
3) פראָפ׳ בעזרעדקאָ און זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן . . . . . ד"ר ג. געלמאַן
4) מצה פון דיעטעטישן שטאַנדפּונקט . . . . . . . . . ד"ר ה. פייגוס
5) היגיענע פון דער פרוי . . . . . . . . . . . ד"ר ב. דובינסקי
6) אימפונגען און איינרעדעניש . . . . . . . . . ד"ר א. רימאָוויטש
7) וועגן די גיפטיקע אייגנשאַפטן פון אייניקע שטוביקע וואַזאָן-געוויקסן . . . . . . . . ד"ר י. מאָוושאָוויטש
8) פליטים (רעפּאָרטאַזש) . . . . . . . . . . ק. הערמאַן
9) היגיענע פון ציינער און פון מויל-חלל . . . . . . ד"ר א מיך
10) וואָס „אָזע" טוט פאַר די פליטים . . . . . . . . . . . . .
11) די גרויסע אַרבעט פון „טאָז" אין וואַרשע . . . . . . . . . .
12) די אויסשטעלונג „מוטער און קינד" אין ססס״ר אין קאַונאַס . . . . . . . . .
אַנאָנסן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אַבאָנאַמענטס-פּרייז:
א יאָר — 3 ליט;
א האַלב יאָר — 1.50 ליט;
אויסלאַנד — 1 דאָלאַר א יאָר

רעדאַקטאָר ה. מאץ. אַרויסגעבער: געז׳ „אָזע" אין ווילניוס.

אַנאָנסן-פּרייז: אין טעקסט 1 זייט — 300 ליט; נאָכן טעקסט 1 זייט 200 ליט

Redaktorius: GIRŠA MACAS. Leidėjas: Vilniaus Žydų Sveikatos Draugija „OZE".
Š. Rindziunskio Spaustuvė. Vilnius, Didžioji g-vė 39, Telefono № 8-21.

פאַר׳ן אינהאַלט פון די מודעות איז די רעדאַקציע ניט פאַראַנטוואָרטלעך